בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' | פ' ראה | כ"ד אב | תשע"א | פסחים: פ"ח:

## באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

אין די טעג גייען די תלמידי הישיבה – וועלכע האבן זיך אינעם פארגאנגענעם זמן פארהערט און אויסגעצייכענט אין גמרא און הלכה ווי הל' שבת, יורה דעה און נאך – אריין אל הקודש פנימה ווי דער רבי שליט"א וועט זיי געבן זייער פארדינטען כתב הצטיינות אין זייערע לימודים.

৯•৫

### לעצטע הכנות צו די יומא דהילולא קדישא דעם ערש"ק הבעל"ט

אציגד גייען אהן אין קרית יואל די לעצטע הכנות צו די גרויסע הילולא קדישא פון מרן רבינו הקוה"ט זי"ע בעל דברי יואל וועמענס יארצייט עס געפאלט אי"ה דעם ערש"ק הבעל"ט.

עס זענען אויפגעשטעלט געווארן פולע צענדליגער צדקה-בודקע'ס פאר די פולע מוסדות און ארגענעזאציע'ס וועלכע וועלן אי"ה זאמלען געלט ביי די פולע טויזענטער משתטחים אויפן ציון הק' ביומא דהילולא.

אזוי אויך ווערט צוגעגרייט טעימה קלה און קאלטע געטראנקען אויף א גאהר ברייטען פארנעם צו קענען צושטעלן פאר אזא גרויסן ציבור בלעיה"ר.

דער צענטראלער סעודת הילולא וועט אי"ה פאהרקומען ביים שלחן הטהור דאנערשטאג נאכט אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל אינאיינעם מיט'ן דינער לטובת די ישיבה גדולה שהושיבו על קברו – ווי יאהר יערליך.

דער ביהמ"ד וועט אי"ה אויסגעשטעלט ווערן אויף א מייסטערהאפטיגער אופן צו קענען אריינעמען די טויזענטער אנשי שלומינו ביי טיש.

פרטים איבער די סדר היום אינעם יומא דהילולא וועט אי"ה נאכפאלגן.

***-תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו-***

৯•৫

# שמחת פדיון הבן בחצרות קדשינו

אי"ה דעם קומענדיגן ערש"ק הבעל"ט – ביומא דהילולא קדישא – וועט אי"ה אפגעראכטן ווערן דער שמחת פדיון הבן פון אן אור-אייניקל פון מרן רבינו שליט"א, בן נכדו הר"ר מאיר יודא אשכנזי שליט"א בן הגה"צ ר' זלמן שליט"א רב דק' אויסטילא וחתן הגה"צ ר' העניך שליט"א חדב"ן רב ביהמ"ד אבני צדק בשכונת עצי תמרים.

דער מעמד וועט אי"ה פאהרקומען אין היכל ביהמ"ד אבני צדק אין קרית יואל בהשתתפות די בני משפחה בראשות פון די געהויבענע זיידע'ס און עלטער זיידע'ס שליט"א.

***-ובית צדיקים יעמוד-***

༄•༄

# ניחום אבלים

ביי משפחת המנוח הרה"ח ר' אברהם שמואל ב"ר ברוך כלב ענגלענדער ע"ה זיצט מען שבעה ביז זונטאג אינדערפרי.

מען זיצט שבעה אין זיין שטוב אויף 104 ראסס סט.

༄•༄

ביי משפחת המנוח הרה"ח ר' ישכר דוב ב"ר יעקב נפתלי קעלנער ע"ה זיצט מען שבעה ביז מאנטאג אינדערפרי.

מען זיצט שבעה אין זיין שטוב אויף 178 הופפער סט. אין וויליאמסבורג.

***ובלע המות לנצח***
***-בשורות טובות-***

༄•༄

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.